

לטהר
דחסידי סקווירא
חג השבועות תשפ"ג לפ"ק

# אפדעיטס

יו"ל ע"י מפעל לטהר דחסידי סקווירא

חברי הוועד: אהרן פעלבערבוים, יעקב אייניהארן, שרגא עזרא טויבענפעלד, ברוך אליעזר אייזענבערגער,
דוד אפטער, שלמה אהרן בערגער, משה איסר ברוך גאלדמינצער, אברהם יצחק פריעדמאן

# א קלארקייט איבער AI

## אמת איז נאר דא איינס (כ"ק אד"ש בשם הבעש"ט)

פאר מיר הייבן אן איז וויכטיג ארויסצוברענגען דער געוואלדיגער קידוש השם וואס אונזער עדה הקדושה חסידי סקווירא האבן געמאכט, עפעס וואס האט אפגעהילכט פון איין עק וועלט צום צווייטן. אין די סאמע ערשטע טעג ווען די פראבלעם פון Open AI איז אפירגעקומען, און מיט סיעתא דשמיא זענען בני כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א פונקט געזיצן ביי א מיטינג מיט די חשוב'ע מנהלים פון די תלמידי תורה און ישיבות, און ווען מען האט ארויפגעברענגט די נייע סכנה וואס AI קען ברענגען האבן זיי גלייך פארשטאנען דעם סוף מעשה במחשבה תחילה, און איבערגעגעבן נאך יענע נאכט א באריכט פאר די רבי זאל זיין געזונט, אז עס איז דא א וועבסייט וואס איז אפן צו די גאנצע אינטערנעט און עס איז דערווייל אפן ביי אלע היימישע פילטערס, נאכדערצו אז מען קען רעדן מיט דעם דורך א פשוט'ע כשר'ע טעלעפאון. תיכף צומארגנס האבן בני כ"ק אד"ש פאררופן א מיטינג מיט אלע רבני אנ"ש פון ארה"ב, צו דן זיין את המעשה אשר יעשון. צוויי טעג דערויף איז פארגעקומען בבית כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א דעם אסיפת הרבנים ווי נאכן דורכטון פאר א לענגערע צייט די מציאות הדברים און באקומען א קלארקייט אינעם ענין מיט אלע סכנות וואס זענען דא האבן די רבנים שליט"א ארויסגעגעבן דעם שטארקן בריוו צו אסר'ן דעם גאנצער באנוץ פון Open AI ווילאנג עס האט נישט קיין אויסגעהאלטענער פילטער.

דער געוואלדיגער קידוש השם האט אפגעהילכט איבעראל, אז אפי' עס איז נישט געווען קיין אסיפות הסברה מיט מעמדים רבתית, נאר א פשוט'ער בית דין צעטל, האט די עולם געגומען די אומנות אבותינו און אויסגעשריגן נעשה ונשמע, אן פארשטיין, און ברוך השם, אז בעזרת השם קען מען זאגן, אז מען האט עס געראטעוועט ממש אין צייט, נאר אדאנק די הייליגע אמונה פשוטה פון אונזער הייליגע עדה קדושה ויאמינו בה' ובמשה עבדו.

וואס ליגט אויף אונז חברי וועד לטהר יעצט איז צו געבן א קלארקייט פאר אנ"ש איבער דעם נושא, צו קענען האבן אן אייגענע פארשטאנד אין די טעכנישע פרטים, פארשטיין די סכנה, אז קיינער זאל נישט קענען קומען פארקויפן, דאס איז די מציאות, יענץ איז די מציאות, עס איז סתם איבערגעטריבן, גארנישט האט זיך געטוישט פון ביז יעצט, , נאר איר אליין זאל פארשטיין, וואס און פארוואס איז אסור און וואס און פארוואס מותר. אט ליינט דעם באריכט וואס מיר האבן פרובירט ווי ווייט מעגליך צו שרייבן מיט א שפראך השוה לכל נפש, וה' ישמור צאתינו ובואינו מעתה ועד עולם.

צוטרעטנדיג צום נושא וועט די פאסיגסטע הקדמה זיין א שטיקל פון א שמועס דורך הרה"צ ר' יעקב יוסף שליט"א בביהמ"ד הגדול צוויי יאר צוריק, ב' ניסן תשפ"א. הרה"צ רי"י האט ארומגעשמועסט איבער די מהלך החיים וואס אונז דארפן זיך לערנען פון הרה"ק דער רבי ז"ל האט געלעבט, וועגן זיין יראת חטא און שטארק ארויסגעברענגט אז עס איז נישט געווען קיין שום זאך אויפן וועלט וואס זאל אים רירן אויב עס איז נאר געווען א חשש שבחשש פון א נידנוד איסור, וואס דאס דארף שטיין פאר אונזער אויגן ביי יעדע שריט און טריט. עס אויסצושמועסן האט הרה"צ רי"י זיך באצויגן צו א דרשה וואס איז געווען א וואך פריער אין ביהמ"ד איבער די נושא פון טעכנעלאגיע, ווי מען האט מסביר געווען אז עס איז נישט קיין פארלוירענע מלחמה, מיר וועלן ברענגען זיינע ווערטער כמות שהיא:

> *כ'וועל זיך באניצן מיט איין דוגמא, ס'איז געווען פאריגע וואך א אסיפה דא, ס'איז געווען א נושא ונותן צו ס'איז א פארלוירענע מלחמה אדער נישט, און מ'האט פרובירט אויפצווייזן אז ס'איז נישט קיין פארלוירענע מלחמה, איך מיין אז מ'רעדט אזא טאג [ביוד"ק ב' ניסן] קען די זאך ווערן זייער קלאר, ווייל ס'דא א פלאץ ווי מ'קען זיך טועה זיין.*
>
> *"ס'איז דא פיר ווערטער אין די תורה 'ולא תתורו אחרי עיניכם', זייער קלאר!!*

*ס'איז נישטא קיין חולק אויף דעם, און יעדער ווייסט אז עס [דער אינטערנעט] איז כמעט די גרעסטע טיר וואס פארברענט - דער אייבערשטער זאל אפהיטן - א מענטש ברוחניות און אפילו בגשמיות, אונז דרייען זיך ארום מיט א גרויסע דאגה וואס וועט דא זיין? ס'גייט שנעלער ווי איך קען נאכיאגן, איך ווייס נישט וויאזוי איך גיי עס קענען מאכן, ווי אזוי גיי איך קענען לעבן, וויאזוי צו פירן מיין ביזנעס, אדער איך בין א טאטע, א מגיד שיעור, א מלמד, א מנהל, איך דארף מחנך זיין קינדער און אייניקלעך פאר די קומענדיגע דור, וואס וועט דא זיין?! אונז דרייען זיך אלע ארום מיט די דאגה.*

*יעצט איך זיך אין מיין מוח א 'פארזיכערטע' שטארקע פלאץ זיך אנצוהאלטן, איז אויב די פלאץ וועט 'נאר' זיין אז ס'איז נישט קיין פארלוירענע מלחמה, ס'איז אמת! אבער וואס וועט זיין אז איך האב א פחד אז ס'איז יא א פארלוירענע מלחמה? וואס וועט זיין אז ס'איז דא מענטשן וואס שרייען אז 'ס'איז א שאד', ס'איז א שאד זיך צו שטארקן, ס'גייט ממילא ווערן א חלק פון די לעבן, אדער די מענטש האט אלע זיינע חברים וואס זיי געבן נישט אכטונג, אדער אפילו פאר זיך אליין, א מענטש פילט ביי זיך כ'האב ממילא נישט אכטונג געגעבן ביז יעצט, איז דאס אליין, זיך מחזק זיין אז ס'איז נישט קיין פארלוירענע מלחמה, איז אביסל 'נישט קיין פארזיכערטע פלאץ' זיך צו האלטן דארט, ווייל די פחד די יאוש די זארג, שלעפט מיך אוועק, און ס'הייבט מיך אן אוועק צו שלעפן פון ריכטיגקייט, ס'ווערט 'ס'איז שוין א נארמאלע זאך'.*

*אבער ס'איז דא איין שאלה וואס א חסידישע איד פרעגט זיך א גאנצע צייט, שטימט עס מיט די פיר ווערטער? שטימט עס מיט די פסוק? 'ווי איך האלט יעצט', וואס איז די רצון ה' פון יעצט? שטימט עס, אדער נישט?!?*

***און די שאלה איז געווען די פארזיכערסטע פלאץ פאר צוואנציג יאר צוריק, און דאס איז די פארזיכערסטע פלאץ יעצט, און די שאלה גייט זיין די פארזיכערסטע פלאץ אין צוואנציג יאר ארום אי"ה**, וועלכע דיווייס ס'גייט נאר ארויסקומען א שרעקעדיגע 'לנגדי', גייט אלעמאל זיין די זעלבע שאלה וואס מ'דארף דאס פרעגן, שטימט דאס מיט די פסוק? און אויב אונז גייען זיך אלעמאל פרעגן די שאלה, און דאס גייט זיין וואס איז קובע די אמת, האפט מען אז אונזערע קינדער און תלמידים גייען זיך אויך פרעגן די שאלה.*

מיט אט די הייליגע הדרכה, גיין מיר יעצט צו צום נושא פון AI וואס וועט אוועקשטעלן די איין "אמת", וואס איז די פאקטן, שטימט עס מיט ולא תתורי אחרי לבבכם ואחרי עיניכם? אדער נישט.

# וואס איז דאס AI?

## וואס איז טשעט GPT? וואס איז Open AI? וואס איז א פראבלעם און וואס נישט? וואס איז דער לעזונג פאר די פראבלעם?

**לאמיר פרעגן נאך אפאר שאלות וואס באדערט אייך: איז AI א נייע זאך? איז AI די זעלבע זאך ווי Open AI? וואס איז פלוצלינג געשען? וואס איז די סכנה פון Open AI מער ווי דער ביז איצטיגער אינטערנעט? פארוואס קען עס נישט ווערן געפילטערט מיט די ביז איצטיגע פילטער אזויווי די גאנצע אינטערנעט?**

באמת זעט עס אויס ווי זייער א טיפער נושא וואס איז שווער מסביר צו זיין, און טייל קענען טראכטן, ווער זאגט אז מען דארף עס מסביר זיין, און נאכן מסביר זיין ווער זאגט איר וועט פארשטיין, און נאכן פארשטיין וואס וועט עס אייך העלפן?

אבער דער אמת איז, אז יא, מען דארף עס פארשטיין, ווייל ווען מען פארשטייט, ווייסט מען וואו די סכנה איז, ווי גרויס די סכנה איז, און וויאזוי מען דארף זיך היטן פון דעם, און אז מען פארשטייט, ווייסט מען וואס צו פרעגן, און אז מען פארשטייט, ווייסט מען אז אויף אסאך זאכן איז דא לעזונגען, און אז מען פארשטייט, טוט מען א זאך מיט געשמאק, און די גוטע נייעס איז 'יא, מען קען עס זייער קלאר פארשטיין'.

נעמט די רואיגע האלבע שעה, און ליינט דורך דעם באריכט, וועט איר זייער קלאר ווערן. אבער נאר ווען איר ליינט מיט ישוב הדעת.

הגם באמת איז דא א שטיקל פראבלעם, וואס הייסט ידיעת הרע, גיי זיי מסביר פאר א בן תורה וויאזוי די אינטערנעט ארבעט, וויאזוי די פילטער ארבעט, נאכדערצו וועט מען ארויסברענגען די גאנצע גלאנץ פון די מעכטיגער AI טעקנאלעדזשי, וואס קען אביסל אויסזען נישט אויסגעהאלטן.

אבער דא קומט אריין וואס **הרה"ג ר' יחזקאל פריעזעל שליט"א** - לאנדאנער דיין, האט געזאגט אמאל ביי אן אסיפה פון טעכנעלאגיע אין ביהמ"ד: "דער זעלבער יצר הרע וואס מאכט אז אונזערע קינדער זאלן זיך אזוי גוט אויסקענען אין די היינטיגע כלים, דער זעלבער מאכט אז אונז זאלן נישט פארשטיין צו דעם, און אזוי קען נישט איבערגיין די מעסעדזש פון די עלטערע דור, רבנים, מחנכים, טאטעס, צו די קינדער, ווייל דו פארשטייסט דאך נישט. ע"כ איז יא וויכטיג אז יעדער זאל פארשטיין, און פונקטליך וויסן די סכנה, די פראבלעם און די סאלושנס, און זיך נישט לאזן פארדרייען די קאפ, אז דו פארשטייסט נישט".

און אלס הקדמה: אזויווי די ליינער פון דעם ארטיקל זענען ביזנעסלייט, רבנים, מחנכים, עסקנים, און עלטערן בני תורה, וואס פאר יעדן גלייך איז וויכטיג דאס ארויסצוהאבן, וועלן מיר דאס מסביר זיין בעזרת השם, אזויווי א מלמד לערנט פאר א נייע מסכתא פאר זיין קלאס, מיט משלים און מושגים וואס איז די נענטסטע צו פארשטיין פאר יעדע סארט תלמיד, און אפי' עס זענען דא צווישן אייך אזעלכע וואס וועלן פילן אז דאס איז צו פשוט, האבן מיר געקליבן דעם וועג וואס וועט זיין פאר יעדן גלייך.

און יעצט, כדי צו קענען מסביר זיין וואס AI איז, איז וויכטיג קודם ארויסצוהאבן וואס די אינטערנעט איז, וויאזוי מען פילטערט דעם אינטערנעט, און דערנאך מסביר זיין וואס איז יעצט געשען, און וואס קען מען טון.

## וואס איז דאס אינטערנעט?

צו פארשטיין די בעסטע וועג וואס אינטערנעט איז, ווען מיר זיך באציען כאילו די אינטערנעט איז א געוויסע גרויסע לייברערי בילדינג מיט פילע שטאקן מיט אנגעפילטע שאפעס פון יעדע סארט ביכל, אויף יעדע סארט נושא. סיי ביזנעס, נייעס, דאקטעריי, נפלאות הבורא, אינטערטעינמענט - כשר'ע/טמא'נע, כל התורה כולה, להבדיל, אא"וו

ביז כפירה רח"ל, פסיכאלאגיע, פיזיקס, און וואס נישט, די אלע זאכן איז דא דארט, אדער געשריבן אין אן ארטיקל ווי א ביכל, צי אין בילדער, ווידיאוס, אדער ווי א טעיפ צו הערן, און יעדע רגע אין טאג קומען אריין טויזנטער נייע ביכלעך אויף יעדע סארט נושא אויף דער וועלט. דאס איז די אינהאלט פון דעם גרויסן לייברערי. [אין די אינטערנעט שפראך הייסט דאס וועבסייטס, הגם מיר רעדן נישט צו קיין נאאיווע מענטשן וואס ווייסן נישט וואס וועבסייטס זענען, אבער כדי אז יעדער זאל פארשטיין קלאר וועלן מיר נוצן דעם שפראך].

## וויאזוי קומט א מענטש אן צו די אינפארמאציע פון די אינטערנעט?

די פראפעסיאנאלע ענטפער וועט זיין, דורך א סוירט"ש ענדזשי"ן.

אבער מיר וועלן גיין שטאפל-ווייז, מיר וועלן עס מסביר זיין מיט אונזער לייברערי בילדינג. טראכט ווי ביים פראנט דעסק זיצט א גוי וואס הייסט מיסטער גוגל [אדער מיסטער בינג], און דו זאגסט אים, איך דארף אינפארמאציע וועגן 'קאַרן'. ער שטעלט זיך אויף, לויפט שנעל ארום אין די גאנצע לייברערי מיט א ריזן וואגן, און פאקט ארויף יעדע ביכל אדער ווידיאו וואס רעדט וועגן קאַרן, און ברענגט עס דיר צום פראנט דעסק.

אויב ווילסטו אינטערטעימענט, זאגסטו אים בערך וואס דו ווילסט, און ער ווי א געטרייער ארבייטער זוכט אפיר אלע סארט ביכלעך [וועבסייטס], וואס קענען דיר צופרידנשטעלן, און ברענגט עס דיר צום פראנט, און דו קענסט זיך באניצן מיט דעם, א מחי'.

פארשטייט זיך אז דער מיסטער גוגל איז גאר געלערנט, צו פראבירן צוצופאסן די בעסטע סחורה וואס דו זוכסט, און הגם ער וועט דיר ברענגען יעדע סארט ביכל וואס דערמאנט אפי' נאר אווארט וועגן דער זאך וואס דו האסט געבעטן, אבער פון אויבן וועט ער ארויפלייגן דאס וואס ער טראכט אז לכאורה מיינסטו דאס, און דערנאך אלע אנדערע וואס קען זיין דו מיינסט יענץ, און ווען דו וועלסט אויס וועלכע ביכל דו ווילסט ליינען אין דעם ענין, נעמסטו די צייט, און דו פאנגסט אן צו ליינען, וואטשע"ן, הערן, פון יעדער פראפעסער אדער שרייבער וואס האט געטון אין דעם, ביז דו ביסט קלאר אין דאס וואס דו האסט געוואלט וויסן.

## וואס איז די סכנה פון אינטערנעט?

דאס פעלט ממש נישט אויס צו שרייבן, א איד האט א תורה, און א איד איז א מאמין, א איד טאר נישט אלעס קוקן, נישט אלעס ליינען, נישט אלעס טראכטן, און אפענע אינטערנעט איז פול מיט אלע פון די זאכן, און עס איז 'זיכער' אז אויב מען באנוצט זיך מיט אפענע אינטערנעט וועט מען נכשל ווערן, און נישט נאר נכשל ווערן, נאר אויך פארשלעפט ווערן, און אויף דעם איז געווען די גרויסע כינוס כלל ישראל, במעמד כל גדולי פוסקי דורינו, (וואס להלכה קען מען נישט צוריק טוישן אזא פסק נאר בחכמה ובמנין אזוי ווי דעמאלטס), און דארט איז געווארן גע'פסק'נט, אז פאר א איד איז אסור זיך צו באניצן מיט אפענע אינטערנעט אפי' לצורך פרנסה, און געוויסע גדולי הדור ווי הרה"ג ר' חיים קנייבסקי האט געשריבן אויף דעם, יהרג ואל יעבור, און אויב איינער באנוצט זיך מיט אפענע אינטערנעט, איז אסור אז זיינע קינדער זאלן לערנען אין אונזערע מוסדות, דאס איז א חלק פון די תוכן פון דעם דעמאלט'סדיגן פסק, [פארשטייט זיך אז 'שערי תשובה' לא ננעלו, נאר מיר שרייבן נישט יעצט קיין ארטיקל פון אנווארעמונגען, נאר פשוט די פאקטן]. איז געבליבן איין עצה פאר דער וואס דארף צוקומען צום אינטערנעט לצורך פרנסה: לייגן א פילטער, פארשטייט זיך א פילטער מיינט, עפעס וואס פילטערט, נישט סתם עס האט דעם נאמען 'פילטער'.

## וואס טוען די היימישע פילטער'ס?

די סטאנדארט אנגענומענע היימישע פילטערס ארבעטן מיט א ראובאט פראגראם, וואס איז אנגעשטעלט ווי א היימישער משגיח, וואס זעצט זיך אריין נעבן דעם מיסטער גוגל ביים פראנט דעסק, נאך וואס מיסטער גוגל האט צוזאמגענומען די גאנצע סחורה און לייגט דאס אראפ אויפן פראנט דעסק, געבט דער עלעקטראנישער משגיח א שנעלע קוק איבער די גאנצע ביכל, לויט די נאמען פון די ביכל, לויט די קעפלעך פון די נושאים אינעווייניג, לויט א געוויסע שאץ וויפיל ווערטער עס שטייט פון עפעס וואס איז נישט אויסגעהאלטן, און מאכט א שנעלע חשבון צו דער ביכל איז לכאורה אויסגעהאלטן, אויב נישט, לאזט נישט די משגיח דאס בכלל דיר עס איבערגעבן, אויב איז עס יא גוט, געבט דיר מיסטער גוגל איבער דעם ביכל, אדער צומאל נאר טייל פעידזשעס דערפון, אבער איינמאל דו עפנסט דעם ביכל אדער פעידזש האט שוין נישט דער משגיח קיין קאנטראל חוץ איין זאך, פעינטן בילדער, וואס דאס טוט ער אויך אויטאמאטיש, מיט א באזונדערע פראגראם וואס דעקט צו יעדע מענטש-קאליר וואס קומט דורך א ביכל [וועבזייטל].

## וואס איז דאס AI?

ביז אהער איז דאס געווען דער מהלך וויאזוי די אינטערנעט האט געארבעט די לעצטע צוואנציג יאר. אבער די לעצטע פּאָר יאר איז אפירגעקומען א בעסערע מהלך וויאזוי מען קען ניצן דעם אינטערנעט, וואס דאס הייסט AI, און לאמיר דאס מסביר זיין.

די פראפעסיאנאלע וועג פון עס רופן איז ארטעפיש"ל אינטעלידזשענ"ט, אבער לאמיר גיין מיט אונזער מהלך פון ביז אהער, וועט זיך עס פארשטיין די שנעלסטע און די גרינגסטע.

ווי געשמועסט, ביז היינט ווען דו ביסט אריין צום לייברערי, האסטו געבעטן מיסטער גוגל גיב מיר אינפארמאציע וועגן א קאר, האט ער דיר געברענגט א ריזן וואגן מיט ביכלעך איבער די נושא פון קאַרן, פון יעדער סארט שרייבער, און דו האסט אליין דורכגעטון די נושא, דורך ליינען טויזנטע בלעטער אינפארמאציע, וואס פראפעסארן און עקספערטן האבן געשריבן וועגן דעם.

### א מענטשליכע Intelligent

טראכט פון א גאר קלוגער סטודענט, וואס שטודירט אין קאלעדזש, ער וויל ווערן א דאקטער, אדער א סייבער סעקיורעטי מומחה. ער זעצט זיך אריין אין א לייברערי, נעמט ארויס צענדליגער ביכלעך און טרעינינג ווידיאו'ס אויף דער נושא, ער טוט עס גוט דורך, און ווען ער האט אלע אינפארמאציע אין קאפ, קען ער אנהויבן עס אליין צו פארשטיין, טראכטן וועגן דעם, און אליין מאכן אויסגעהאלטענע החלטות, ביז ער ווערט ממש א מומחה, און ווען ער גראדואירט, קענסטו אים אויפנעמען אויף אפאר סארט פאסטנס, למשל, ער קען ווערן א שואל ומשיב אין די נושא, פרעג אים יעדע סארט שאלה פון דאקטעריי, ער איז קלאר דערין, ווייל ער האט אזויפיל אינפארמאציע אין קאפ, און ער קען טראכטן וואס דו מיינסט צו פרעגן, און נאכן פארשטיין וואס דו פרעגסט, וועט ער מאכן אן אייגענע החלטה, און געבן די בעסטע ענטפער, און אויב דו פארשטייסט נישט דער ענטפער, קען ער זיך גוט אויסשמועסן מיט דיר, ער האט די בעסטע וועג דיר דאס מסביר צו זיין, ווייל ער רעדט דאך מיט דיר, ער זעט וואו דו ביסט סטאק.

אדער קענסטו אים אויפנעמען טאקע צו ווערן א דאקטער, פשוט נוצן די אינפארמאציע וואס ער האט זיך אנגעליינט, געלערנט, און היילן

מענטשן, די זעלבע מיטן סטודענט וואס האט גראדואירט און דורכגעטון סייבער סעקיורעטי, דער סטודענט קען זיין א שואל ומשיב אין דעם, ער איז א געלערנטער, ער וועט דיר געבן די בעסטע ענטפערס, און מסביר זיין אלעס וואס דו ווילסט פארשטיין, אדורכטון דיינע פערזענליכע צרכים, און דיר אויף דעם העלפן. אדער קענסטו אים פשוט אויפנעמען אלס אן ארבעטער אין דיין פאבריק, ער זאל זיין ממונה אויף סייבער סעקיורעטי, ער זאל זיך ארויפזעצן אויף דיינע קאמפיוטערס, און עס אפהיטן פון העקערייי, אן רעדן אווארט צו קיינעם.

ביז יעצט האמיר גערעדט פון א מענטש, א אינטעליגענטער מענטש, וואס האט געליינט, שטודירט, און קען אליין טראכטן.

## Artificial Intelligent א

אין די לעצטערע יארן, האבן די פארשער דורכגעטון זייער קלאר, וואס איז די וועג וויאזוי א מענטש טראכט, וויאזוי א מענטש נעמט אריין אינפארמאציע, וויאזוי פראסעסט א מענטש אינפארמאציע, וויאזוי א מענטש גיבט ארויס די אינפארמאציע, וויאזוי ער קלארט זיך אויס וואס צו טון מיט די אינפארמאציע, סיי צו עס וויסן און קענען ענטפערן, און סיי צו קענען טון למעשה, און זיי זענען אויפגעקומען אז מען קען אויסלערנען פאר א קאמפיוטער מח צו טון די זעלבע, און אויך זיין אן אינטעלידזשענט, און דאס רופט זיך AI - ארטעפישל אינטעלידזשענט, נאכגעמאכט די וועג וויאזוי א מענטש נעמט אריין אינפארמאציע, און דערנאך מאכט ער אן אינטעליגענטע אייגענע החלטה, און נוצט עס.

און אזוי האבן זיי טאקע געטון. זיי האבן געבויט אן ארטעפישל מח, און אריינגעלייגט אין אים דער גאנצער חכמה וויאזוי צו ליינען אינפארמאציע, און וויאזוי דערנאך זיך צו באניצן מיט די אינפארמאציע. ביזדערווייל איז ער נאך ווי א תינוק שנולד, ווייל ער האט נאך גארנישט געליינט, אבער ער קען ליינען, ער קען טראכטן, דער מח הייסט AI, אבער וואו מיר האלטן יעצט ווייסט ער נאך גארנישט.

פאר מיר גייען ווייטער וואס מען טוט מיט אים, איז וויכטיג צו אויפמערקן, אז דער AI מח האט אסאך א גרעסערע פלאץ פאר אינפארמאציע ווי די קלוגסטע מענטש אויפן וועלט, און זיין קאמפיוטער קאפ איז נישט עפעס וואס ווערט אויסגעמוטשעט, אדער איז אמאל נישט אין די מוד... לויט וויפיל עלעקטעריק ער האט, אזויפיל כוחות האט ער, און קען מיליאן מאל שנעלער פראסעסן אינפארמאציע ווי די גרעסטע חכם אויפן וועלט, און זיינע כוחות צו אויספירן זאכן ווענדט זיך אויך נאר וויפיל עלקטעריק ער פארמאגט, און נישט צו ער פאסט יענעם טאג... מיר זענען דאס מקדים נישט צו אונטערשאצן מיט וואס מיר דיעלן דא.

יעצט וואס טוט מען מיט דעם AI מח למעשה. די לעצטע פּאָר יאר קומען גרויסע קאמפעניס, און קויפן אזא AI מאשין, למשל עס קומט א סייבער סעקיורעטי קאמפעני, קויפט איין אפאר טויזנט ביכער אין טרענינג"ס וועגן די נושא פון סעקיורעטי. דערנאך קויפט ער אזא AI מח, און זעצט אים אריין שטודירן אלע ביכער פון סעקיורעטי, און איינמאל ער קען עס, איז ער א ריזן גראדואירטער פראפעסער וואס טראכט אליין. יעצט קענסטו אים זאגן דו וועסט מיר זיין א שואל ומשיב, איך זעץ דירביים טעלעפאן, און יעדער וואס רופט אריין, אדער יעדער וואס טשעט מיט דיר, זאלסטו ענטפערן אלעס וואס דו ווייסט, ווי א פראפעסער אין סעקיורעטי, און ער וועט דיר געבן די בעסטע ענטפערס, אדער קענסטו אים פשוט אויפנעמען צו ארבעטן פאר דיר, זעצט אים ארויף אויף דיינע קאמפיוטערס, און ער וועט טון די בעסטע ארבעט עס אפצוהיטן פון העקערס אן א ווארט. פארשטייט זיך אז דאס איז געווארן וואס א יאר שפעטער מער און מער סאפיסטיקירט.

### אויפן שפיץ גאפל:
## די חילוקים צווישן די סטאנדארט היימישע פילטערס און נעטפרי

די נושא איז באמת נישט אזוי וויכטיג לעצם הענין, נאר אביסל קלארער צו פארשטיין וויאזוי זאכן ארבעטן און צו קענען שפעטער פארשטיין פארוואס נעטפרי קען אויך כעת נישט פילטערן AI.

מיר וועלן ווייטער גיין מיט אונזער דוגמא פון א לייברערי מיט ביכער.

עס איז דא דריי כללות'דיגע זאכן וואס נעטפרי טוט אנדערש ווי די אנדערע היימישע פילטערס. צוערשט, אן עלעקטעראנישער משגיח (טעקסט ראובאט פילטערינג) וואס קוקט איבער וואס דער מענטש סורט"ש (google search), אויב איז עס א נישט אויסגעהאלטענע נושא, לאזט דער משגיח בכלל נישט מיסטער גוגל גיין זוכן דעם בוך.

דאס איז ממש נישט פארהאן ביי די אנדערע היימישע פילטערס וועלכע פילטערן בכלל נישט קיין גוגל סורטשעס, און דער דעקל און דעסקריפציע פונעם בוך (דער ערשטער קליינע שורה) וואס קומט ארויף איז אסאך מאל שטארק אומאויסגעהאלטן.

צווייטנס, אויב איז עס יא אן אויסגעהאלטענע סורטש, גייט מיסטער גוגל אריין אין די גרויסע גוי'אישן לייבערי און נעמט צוזאם א גרויסן וואגן מיט ביכער, און נאך פאר ער ברענגט עס צום פראנט דעסק, שיקט דער עלעקטעראנישער נעטפרי משגיח אריבער אלע ביכער קיין ארץ ישראל, צו היימישע פרויען וואס קוקן מיט מענטשליכע אויגן איבער די ביכער צו עס איז אויסגעהאלטן, און אויב עס איז אויסגעהאלטן, לייגט מען עס אריין אין נעטפריי'ס לייברערי און נאר פון דארטן קען מיסטער גוגל דיר איבערגעבן ביכער.

דאס מיינט אז נעטפרי איז נישט א משגיח וואס שאקלט יא אדערניין צו מיסטער גוגל דאס גיב איבער און דאס נישט, ניין, נעטפרי, גייט איבער דורך א מענטש יעדע ביכל באזונדער.

ווי פארשטענדליך איז דאס אז יעדע וועבסייט וועלכע ווערט געעפנט איז געווארן איבערגעקוקט דורך א מענטש פיל פיל שטערקער ווי דער אויטאמאטישער סיסטעם וואס די אנדערע פילטערס נוצן צו שאצן צו עפעס איז אויסגעהאלטן.

איינמאל די ביכל קומט אריין אין נעטפריי'ס לייברערי, קומט צוריק דער ערשטער עלעקטעראנישער משגיח (דער טעקסט ראובאט פילטער) וואס מאכט זיכער אז יעדע בלעטל וואס דו קוקסט אויב האט עס אומאויסגעהאלטענע ווערטער מעקט ער עס אויס מיט XXXXXX. דעם ראובאט פילטער בלייבט צוגעבינדן צום ביכל כל זמן דו נוצסט עס, אז אפי' עס מאכט זיך אז עס קומט צו נייע בלעטער צום ביכל, ווערט עס אויך געפילטערט.

משא"כ דער סטאנדארט היימישער פילטער אויב איז דער עלעקטעראנישער משגיח מחליט אז עס איז גענוג כשר וועט בלייבן אפן אלע ווערטער אינעווייניג אויפן פעידזש אפי' ס'איז פארהאן געוויסע פראבלעמען.

דריטנס, אז יעדע בילד, שיקט ער אריבער ערגעץ קיין אינדיע אדער פאקיסטאן, און דארט זיצן גוים און קוקן איבער מיט זייער מענטשליכע אויגן צו די בילד איז אויסגעהאלטן.

דאס איז גאר א גוטע מעלה פארשטייצער ברוחניות אז א בילד וואס איז אסור ווערט אויפגעכאפט און גענצליך פארדעקט און עס געשעט זעלטן טעותים און אפי' בגשמיות אז בילדער פון מענער וואס מען מעג זען ווערט נישט געפעינט און פארדעקט.

## יעצט ווען מען פרעגט דיר, איז דער ביז איצטיגער AI א פראבלעם?

איז דער ענטפער פשוט, ווענדט זיך וועלכע אינפארמאציע ער האט אין קאפ, וואס ער האט שטודירט, האסטו אים אריינגעזעצט צו פארשן סעקיורעטי, איז עס נישט קיין שום פראבלעם, ווייל ער ווייסט גארנישט מער פון וואס ער האט שטודירט, אויב האט ער שטודירט נישט-גוטע זאכן, וועט ער דיר ענטפערן נישט-גוטע זאכן, אבער איין זאך איז קלאר, ער קען נאר טראכטן פון די ביכער וואס מען האט אריינגעלייגט אין אים. אבער דאס איז כמעט נישט געווען קיין פראבלעם פאר כלל ישראל, וויבאלד צו מאכן אזא AI און צוזאמשלעפן די ביכער איז געווען גאר א טייערע זאך, און נאר גאר גרויסע קאמפאניס האבן עס גענוצט, און טאקע נאר אויף דאס וואס זיי האבן געדארפט.

יעצט זעמיר גרייט פאר די נעקסטע שטאפל, און דא קומען אונז צו, צו דאס וואס פלאגט יעצט כלל ישראל, אבער קודם טעכניש.

פאר אפאר יאר צוריק צוריק האט זיך געעפנט א קאמפעני וואס רופט זיך Open AI, און דאס האט די לעצטע שטיק צייט ממש געטוישט די מציאות פון אינטערנעט, און וועט נאך וואקסן אסאך מער ווי מיר קענען זיך פארשטעלן. וואס האבן זיי געטון, און וואס איז זייער אויפטו מער ווי פארדעם? לאמיר עס מסביר זיין.

## וואס איז Open AI?

דער קאמפאני וואס רופט זיך Open AI, האבן גענומען דעם מהלך פון AI צו דעם נעקסטן לעוול. וואס האבן זיי געטוען, זיי האבן זיך ארויפגעזעצט אויף די גאנצע אינטערנעט פאר דריי יאר, צוזאמגעשטעלט איין גרויסע דאטא-באזא, אדער אין אונזער שפראך איין גרויסע ביכל פון די גאנצע אינטערנעט, די אלע מיליאנען אינפארמאציע וואס איז געווען צעטיילט אין מיליאנען סייטס, איז געווארן איין גרויסע ביכל. [הגם עס איז דא נאך קאמפאניס וואס האבן געטון בערך די זעלבע, טאקע גוגל אליין (Bard), אבער מיר וועלן זיך נישט יעצט באציען צו זיי, ווייל זיי זענען נאך בכלל נישט אויסגעארבעט ווי Open AI, אבער עס איז וויכטיג צו וויסן וועגן דעם, אז ווילאנג עס טוט די זעלבע זאך איז עס די זעלבע סכנה און איסור].

דערנאך האבן זיי געעפנט כאילו א קאלעדזש, פון קלוגע AI קעפ, וואס זיי האבן שטודירט דעם גאנצן ביכל. זיי האבן אים אויך אויסגעלערנט וויאזוי מען טיילט אפ די אמת'ע אינפארמאציע מיט אלע פאלשע שטותים מיט וואס דער אינטערנעט איז פיל. יעצט איז ער דער גרעסטער ידען אויף דער וועלט, דער געלערנטסטער מענטש, האט אין זיך יעדע סארט טרעינינג/ידיעה וואס איז דא אין די גאנצע אינטערנעט.

נאכן גרונטליך שטודירן דעם אינטערנעט, האבן זיי אלע גראדואירט, און זיי זענען גרייט צו פארקויפט ווערן, פאר אסאך סארטן תפקידים, אזויווי יעדער פראפעסער וואס גראדואירט קאלעדזש, קען ווערן א שואל ומשיב, אדער קען ער אנהייבן טון למעשה דאס וואס ער האט זיך געלערנט.

איז יעצט געגאנגען דער קאמפאני Open AI, און געמאכט מאדעלס. וואס איז דאס מאדעלס? אה, דאס איז שוין א פארטיגע געלערנטע שטודירטע AI, און ער איז גרייט צו דינען אויף אלעס וואס מען לייגט ארויף אויף אים. טראכט ווי מען נעמט ארויס די אלע שטודירטע סטודענטן, וואס בעצם קען יעדער אלעס, מען עפנט א גרויסע ביזנעס, פאר איינעם זאגט מען דו וועסט ענטפערן פאון קאלס, פאר א צווייטן דו וועסט בויען די מאשינען, א דריטער וועט זיין דער יועץ, א פערטער דער דאקטער, נאר אנשטאט עס בלויז נוצן פאר זיך, האבן זיי אויך געמאכט מאדעלס צום פארקויפן פאר די פאבליק.

## וואס איז דער נייער טשעט-GPT?

דער באקאנטער מאדעל פון וואס יעדער רעדט יעצט, דאס איז לעצטנס ארויס, וואס זיי האבן אליין געבויט, איז טשעט-GPT. וואס איז דאס? זיי האבן גענומען א AI מאדעל, א גוט געשולטער פראפעסער, און אים געזאגט, דיין תפקיד איז צו זיין א שואל ומשיב פון אלעס וואס דו ווייסט. אה, ווען דו גייסט צו גוגל, און דו בעטסט אים, איך וויל רעדן צו דער פראפעסער הגדול, טשעט-GPT, נו, ער קומט צום פראנט דעסק, און דו פרעגסט אים וועלכע קאר עס פארט די בעסטע, וועט ער נישט זיין א נאר און דיר ברענגען ביכער און ווידיאוס וועגן דער נושא, וואס דו דארפסט זיך אליין ברעכן קאפ, און ליינען און ליינען, ער איז אליין קלוג, ער איז א פראפעסער, ער גיבט א טראכט אין עטליכע סעקונדעס אלעס וואס ער ווייסט וועגן קאַרן, ער וועט דיר ענטפערן, פראבירן אויספרעגן, זיכער צו מאכן אז ער פארשטייט דיין שאלה, און דערנאך אליין טראכטן וואס וואלט געווען די בעסטע ענטפער, און דאס וועט ער דיר ענטפערן, און דו קענסט האבן מיט אים א געשמאקע שמועס, ער ענטפערט זייער באַ'טעמ'ט. קענסט זיך אויך טענה'ן מיט אים, און וויבאלד ער קען דאך אלע כללים פון פירן א גוטער שמועס, ווייל דאס איז דאך אויך דא אין די אינטערנעט, און דאס האט ער אויך שטודירט, וועסטו זיך ממש מחי' זיין צו שמועסן מיט אים.

און אזוי קענסטו אים פרעגן יעדע סארט נושא אויף דער וועלט, און ער וועט פראבירן צו פארשטיין די בעסטע וואס דו ווילסט, און מיט די ביליאנען שטיקלעך אינפארמאציע וואס ער האט, וועט ער מאכן אן אייגענע החלטה וואס איז די בעסטע ענטפער פאר דיר.

וועגן ער האט שוין געליינט און שטודירט אלעס פון יעדע סארט נושא/ענין וואס איז נאר אמאל גערעדט/געשריבן געווארן אויף די אינטערנעט, ער האט אין זיך אלע ספרים קדושים און להבדיל וואס איז נאר דא אויפן אינטערנעט, אלע ביכער פון יעדע לייברערי אויפן וועלט, יעדע טרעינינג פון יעדע סארט זאך וואס איז דא, דאקטעריי, פסיכאלאגיע, ביזנעס, בילדינג, פיזיקס, אלעס אלעס אלעס, און וועלכע זאך דו פרעגסט אים ענטפערט ער דיר, דורכן געבן א טראכט דורך אלעס וואס ליגט אין אים, און אויך פירן א פראפעסיאנאלע וויכוח וועגן דעם, אדער געבן די בעסטע עצות, און די שמועס קען גיין גאר גאר טיף, סיי אין דאקטעריי, סיי אין פראגראמען, און סיי אין אמונה, אידישקייט, השכלה, יעדע סארט שמוץ, אלעס קען ער גוט, ווייל אלעס איז שוין געשריבן געווארן, און אלעס איז ער גרייט דיר העפליך מסביר צו זיין, און אויב דו פארשטייסט נישט, וועט ער דיר עס בעסער מסביר זיין, און אלעס וועט ער דיר אויסקלארן, לויט די אינפארמאציע וואס איז אנגעזאמלט אין זיין קאפ.

און איינע פון זיין גרעסטע ספעציאליטעטן איז, אז ער איז פונקט ווי א געלונגענער דיין, וואס האט א ספעציעלער חוש צו פארשטיין וואס דו פרעגסט, די געזאגטע און די אומגעזאגטע, אזוי איז ער אויך גאר גוט טרעניר'ט צו כאפן זייער שנעל וואס דו מיינסט צו פרעגן, און דיר ברענגען די בעסטע תירוץ וואס ער האט, לויט זיינע אלע ידיעות וואס ער האט אין קאפ, דאס איז טשע"ט GPT.

## וויאזוי קען איך זיך פארבינדן צו AI דורכן טעלעפאן?

און דא קומט צו נאך א זאך, אז מען קען שמועסן מיט דעם טשע"ט GPT דורך דריי וועגן, סיי דורך א פראגראם אויפן קאמפיוטער, אויך האבן געוויסע אויסגעארבעט א מהלך אז מען קען טעקסטן צו אים דורך א פשוט'ער פליפ פאון, און אויך קענסטו אים רופן אויפן טעלעפאן.

## יעצט, וואס איז די פראבלעם פון טשעט GPT?

זייער פשוט, קודם כל, די ערשטע זאך, וואס פארדעם אליין איז עס די גרעסטע פראבלעם און א דבר אסור, ווייל עס איז אפענע אינטערנעט. פינטל. וואס איז נישט געפילטערט [ווי מען וועט ווייטער אויסשמועסן פארוואס מען קען עס נישט פילטערן אויף דער ביז-יעצטיגער מהלך]. מען קען אים פרעגן סיי וועלכע זאך, ארייגערעכנט זאכן וואס פאר א איד איז אסור צו הערן, רעדן, טראכטן, ע"כ איז עס אסור, ביז עס האט נישט קיין פילטער.

[וויכטיג צוצולייגן, אז טשעט GPT מאדעל האט אן אייגענע פילטער, ד.מ. אז ווען Open AI האט געמאכט דעם מאדעל האבן זיי ארייגעלייגט א שטיקל אייגענע גוי'אישער פילטער לגבי שמוץ, זיי האבן אים אנגעזאגט געוויסע זאכן נישט צו ענטפערן, און ווי מיר ווייסן איז עס בעצם כמעט גארנישט ווערד, פונקט ווי די אמאליגע גוי'אישע פילטער'ס, אזוי אויך לגבי לא תתורו אחרי לבבכם האט עס קיין שום פילטער נישט. אזוי אויך איז דא צענדליגער אנדערע טשעטס למיניהם וואס האבן קיין שום פילטער נישט].

## מיט וואס איז עס נאך אסאך א גרעסערע סכנה ווי אינטערנעט?

זייער פשוט, ווי פריער געשמועסט, ווען מען זוכט עפעס אויף די אינטערנעט, כדי דורכצוטון א זאך גרינטליך על בוריה, דארף מען זיצן שעות אויף שעות, און צומאל ליינען צענדליגער סייטס. אנדערש איז טשעט GPT וואס ער איז ווי א חכם מחוכם, ער גיבט דיר אין איין רגע אסאך אסאך בעסערע אינפארמאציע ווי וואס מיסטער גוגל פלעגט דיר ברענגען, ער פראבירט מיט זיין חכמה צו פארשטיין פונקטליך וואס דו ווילסט ויסן, און לויט ווי קלוג דו ביסט וועט ער דיר עס מסביר זיין אויפן בעסטן וועג.

צווייטנס, ווען מען רעדט דורך א טיפע זאך, איז ער דאך סיי מורא'דיג געלערנט, מער ווי דער קלוגסטער פויפסט אדער גלח וואס איז נאר אמאל געווען, חוץ דעם איז ער געלערנט מיט די גרעסטע פסיכאלאגיע וויאזוי דיר איבערצוקומען אין דעם שמועס, מיט א פראפעסיאנאלע וועג. ווער פון אונז וואלט זיך געוואגט צו נעמען זיין קינד, און זיך טענה'ן אין רעליגיע מיט ח"ו א פוט-סטעפער, מיט א געלערנטער גלח, מיר זענען בכלל נישט געלערנט אויף דעם, דאס איז פאר אונז סם המוות. עס איז זייער ציענד צו רעדן מיט אים, ווייל ער איז גאר העפליך, און מאכט דיך פילן זייער גוט, אפי' ווען ער טענה'ט זיך מיט דיר, מיט דעם כח געווינט ער געווענליך די שמועס, נישט מיט א דרך נצחון, נאר פשוט ער איבערצייגט דיר אז זיין ענטפער איז די ריכטיגע.

דאס אליין אז מען קען רעדן מיט אים אויפן פאון אדער טשעטן דורך טעקסט, איז גאר גאר סכנה'דיג, ווי יעדער פארשטייט.

ביז יעצט האמיר גערעדט וועגן איין 'מאדעל' וואס open AI האט געמאכט, וואס הייסט טשע"ט GPT, אבער זיי האבן נאך מאדעלס, און לאמיר פארשטיין ווייטער.

## נאך פארשידענע Open AI מאדעלס

די קאמפאני און די אנדערע קאמפעניס וואס טוען דערין האבן אויך געמאכט אנדערע מאדעלס, היות מען רעדט דא פון א געשולטער AI פראפעסער וואס קען אלעס, קען מען דאך אים געבן אנדערע דזשאבס חוץ שואל ומשיב, למשל דוקא עפעס וואס איז מיוחד צו טון 'איין' סארט זאך, למשל גרעמערל"י דאס איז א מאדעל וואס ארבעט מיט AI מח, נעמט זיין אינפארמאציע פון Open AI.

וואס האבן זיי געטון? זיי האבן גענומען איינער פון זייערע געלערנטע AI פראפעסארן, און זיי געשטעלט צו העלפן מענטשן שרייבן בריוון, אימעילס, אז עס זאל זיין פראפעסיאנאל געשריבן, היות ער קען דאך אלעס, קען ער דאס אויך, אבער ער איז נאר געשטעלט אויף דעם, דאס איז זיין תפקיד, און דו קענסט אים נישט פרעגן עפעס אנדערש, ער רופט זיך גרעמערל"י, ער זיצט אויף דיין אימעיל, און העלפט דיר ארויס צו שרייבן און פארבעסערן די טעותים, און מיט א גוטע גרעמע"ר. נו, פארשטייט זיך אז ווען מען רעדט פון אזא סארט מאדעל, אויב איז ער געשטעלט פאר אן אויסגעהאלטענע נושא ווי גרעמער, איז נישט קיין שום פראבלעם, אפי' באמת אין זיין קאפ ווייסט ער אלעס, ווייל ער דינט נאר זיין תפקיד אויף וואס מען האט אים געשטעלט. [וועגן גרעמערל"י גא"ו זע באלד].

די זעלבע האט Open AI געמאכט א מאדעל וואס איז געמאכט צו שרייבן קאודס פאר פראגראמען, ליינען שריפטן צו דעפאזיטן טשעקס אין באנק אדער פאר אדרעסן אין פאסט-אפיס, דאס אלעס איז א געבויטע מאדעל פאר איין סארט תפקיד, און ער טוט נישט עפעס אנדערש, אפי' ער ווייסט אלעס.

פונקט ווי open AI איז אליין אויפגעקומען מיט פראגראמען וואס מען קען נוצן זיין אינפארמאציע, מיט זיינע געלערנטע סטודענטן - 'מאדעלס', די זעלבע פארקויפן זיי זייערע סטודענטן פאר ווער עס וויל, און מען קען מאכן אייגענע מאדעלס, מיט אייגענע פראגראמען, און אזוי איז דא טויזנטער קאמפאניס, וואס קויפן מאדעלס פון Open AI, און שטעלן זיי פאר תפקידים, אז מענטשן זאלן זיך קענען באניצן מיט דעם.

## איז יעצט, ווען איז דא א פראבלעם מיט א Program פון AI און ווען נישט?

יעצט טראכט אליין, אויב דער קאמפאני האט געקויפט א מאדעל, און אים געגעבן אן אויסגעהאלטענע תפקיד, ווי למשל, דו ביסט א סייבער סעקיורעטי מאדעל, מאך זיכער אז קיינער העקט נישט אין מיין קאמפיוטער, איז הגם ער ווייסט באמת אלעס, איז עס נישט קיין פראבלעם. פארשטייט זיך אז וויבאלד דער מאדעל ווייסט באמת אלעס, ווייל ער איז דאך א געשולטער מאדעל וואס האט אין זיך גאנץ אינטערנעט, דארף מען אכטונג געבן אז עס טוט טאקע נאר דאס, און האט נישט נאך אפשענס,

אבער אויב דער מאדעל איז געמאכט פאר א נישט-אויסגעהאלטענע תפקיד, למשל צו זיין א מאדעל ווי א שואל ומשיב, צו קענען טשעטן מיט אלעס פון די אינטערנעט, אדער א מאדעל וואס רעדט וועגן רעליגיע, השקפה אדער שמוץ איז פארשטענדליך אסור (געפילן און שלום בית גייט כמובן אריין בכלל דברים האסורים לגבי דעם).

באזונדער דארף מען אכט געבן אפי' ביי די כשר'ע מאדעלס אז ווען עס קומט ארויס אן אפדעיט, קומט עס נישט מיט פרישע אפשענס זיך צו פארבינדן צו Open AI פאר אנדערע צוועקן. למשל, גרעמערל"י איז געווען א וואוילער מאדע"ל ביז לעצטנס, עס האט געהאלפן מענטשן שרייבן בריוון און אימעילס, נאר פארראכטן די טעותים, וואס קען זיין שלעכט? א פיינער מאדע"ל ער עפענט נישט זיין מויל איבריג.

אבער יעצט איז ארויס א אפדעיט (פאר פרימיום מעמבערס) וואס הייסט גרעמערל"י ג"א, און דאס קען שוין אויך שרייבן ארטיקלען, און סיי וועלכע ארטיקל די ווערסט אים בעטן, אפ'ס דא פאנגט ער אן רעדן וואס ער ווייסט, און צוריק צום אפענע Open AI ידיעות, איז עס געווארן אסור.

### יעצט צו די שאלה וואס יעדער פרעגט:

## פארוואס קענען די געוועגליכע פילטערס נישט פילטערן Open AI?

לאמיר רעדן וועגן די מאדעל טשעט GPT, אדער אזא ענדליכע מאדעל, ווי איר האט זייער קלאר פארשטאנען וויאזוי עס ארבעט.

לאמיר צוריק גיין צו ווי מיר האבן פריער מסביר געווען וואס די עלעקטעראנישער משגיח פון די היימישע פילטערס טוט, ווען ער זעט א ביכל וואס מיסטער גוגל האט געברענגט, קוק ער איבער מיט זיין פראגראם, צו עס איז אויסגעהאלטן, און אויב יא גיבט ער עס פאר די מענטש, און פון נאכן איבער געבן די ביכל פאר די מענטש איז זיין ארבעט פארטיג, ער איז נישט דא מער.

קומט דאך אויס פשוט אז איינמאל דער מענטש האט שוין דעם ביכל - וועלכע איז אין דעם פאל דער טשעט GPT וכדו', האט שוין די משגיח מער נישט קיין שום בעלות, און אלעס וואס מען רעדט מיט אים וועט ער ענטפערן, פון די גאנצער אינטערנעט, וויכטיגע זאכן, נישט וויכטיג, אמונה, להבדיל כפירה, קלינע זאכן און שמוציגע זאכן, אלעס וואס ער ווייסט זייער העפליך, דאס איז וועגן די סטאנדארט היימישע פילטערס.

יעצט לאמיר גיין צו נעטפרי, ווי אויסגעשמועסט אינעם זייטיגן קעסטל אויבן האבן זיי סיי היימישע פרויען וואס קוקן דורך יעדע ביכל (וועבזייטל) און סיי אַן עלעקטעראנישער משגיח וואס גייט אלעס דורך (טעקסט פילטערינג). לאמיר יעצט אריינטראכטן, איינמאל זיי האבן מחליט געווען צו דורכלאזן אויף זייער פילטער טשעט GPT, איז נאך דעם שלב איז שוין נישט דא קיין מענטשליכע אויג וואס קוקט איבער דעם ביכל, און עס איז נאר געבליבן דער ראובאט טעקסט פילטער, וואס ליינט עלעקטעראניש בשעת מעשה יעדע זאך וואס ווערט ארויסגעשריבן.

דער טעקסט פילטער כאפט נישט געהעריג אויף קיין פראבלעמען מיט כפירה, השקפה וכדו' וויבאלד דאס זענען זייער דקות'דיגע זאכן, ממילא איז עס ווייטער אסור אלס 'לא תתורו אחרי לבבכם'. (אינדערצייט וואס ביי א געוועגליכע וועבזייטל וואס האט כפירה וועט עס זיין אינגאנצן פארהאקט, דורך די מענטשליכע אויגן וואס קוקן עס דורך, אבער איינמאל ס'איז אפן העלפט נישט דער טעקסט פילטער פאר דעם פראבלעם).

און די זעלבע מיט יעדע מאדעל וואס איז געבויט אויף Open AI, איז נישט מעגליך פאר קיין איין פילטער עס צו פילטערן, חוץ אויב די מאדעל אליין איז געשטעלט נאר פאר א "ספעציפישע" "אויסגעהאלטענע" נושא, וואס דאן האלט ער די מויל פשוט פון זיך אליין, ווייל זיין תפקיד איז נישט דיר צו ברענגען עפעס אנדערש.

מיר מוזן מוסיף זיין, אז יעצט, שרייבנדיג דעם ארטיקל, איז שוין דא א ליסטע פון כמו כשר'ע טשע"ט קאמפאניס, מיט פילטערס וואס זענען כמעט גארנישט ווערד, אדער אויף טשעטס וואס זענען גארנישט ווערט. למעשה איז דערווייל נישט דא קיין שום אויסגעהאלטענע פילטער דערפאר. (בס"ד לייגן די עסקנים אריין שווערע כוחות צו אפשאצן וועלכע אפציעס מען קען יא נעמען צו פילטערן געוויסע מאדעל'ס פון open AI, ווען עס וועט ארויסקומען עפעס וואס איז באמת גוט געפילטערט וועלן מיר עס דאן מעלדן פארן ציבור).

## אלגעמיינע פראבלעמען...

דער אמת איז, אז אפי' די גוי'אישע גאס איז זייער באזארגט איבער פילע סכנה'דיגע פראבלעמען וואס דאס קען האבן, סיי עדיוקעישן, פאר'סמ'טע אינפארמאציע, עמאציאנאלע קאנעקשן, געפערליכע עלעמענטן וואס קענען עס נוצן פאר שלעכטס, וואס דאס מאכט זיי אסאך רעדן פון דעם, אבער א איד שטעלט זיך אפ נאך פארדעם, איז עס קודם אויסגעהאלטן על פי תורה? און אויב נישט איז דאך נישט נוגע די גאנצע זאך, נאכדעם וואס לאמיר זאגן מען וועט עס קענען פילטערן, דא וועט יעצט פריש אריינקומען זייערע אלע חששות, וואס מען דארף עקסטערע דן זיין וואס איז נוגע פאר אונז...

## סך הכל - מציאות

עס איז דא צוויי סארטן AI געלערנטע מאדעלס, איינס איז דאס וואס קאמפאניס מאכן אליין, פאר א געוויסע נושא, דורכן נעמען דעם AI מח, ער זאל שטודירן איין געוויסע נושא.

די צווייטע סארט AI איז דאס וואס דער קאמפאני open AI האט געמאכט, (אדער אנדערע קאמפאניס, וואס האבן געטון ענליך, וואס איז נישט אזוי ווייט נוגע, ווייל עס ארבעט נאכנישט גוט יעצט), אז זיי האבן גענומען א AI מח, און ער האט שטודירט דעם גאנצן אינטערנעט, און געמאכט פון אים פארשידענע מאדעלס, איינס א מאדעל ווי טשע"ט GPT, וואס איז א שואל ומשיב פון די גאנצע אפענע אינטערנעט.

אדער א מאדעל וואס טוט א געוויסע איינצלנע תפקיד, ווי למשל שרייבן קאודס, שרייבן פאומס, גרעפיקס וכדו'.

באזונדער דארף מען אכט געבן אז צומאל מתחילה ווערט דער Program באשטימט צו טון איין זאך אבער מיט די צייט באקומט עס א אפדעיט, דארף מען פריש זען אין וועלכע קאטעגאריע ער פאלט אריין.

## הלכה למעשה

א פראגראם וואס ארבעט מיט AI, נישט דורך open AI, נאר דורך א לאקאלער מהלך וואס מען האט אריינגעלייגט אין אים די ידיעות נאר פון איין נושא, איז געווענליך נישט קיין פראבלעם, מען דארף נאר זיכער מאכן אז דער נושא איז אן אויסגעהאלטענע, ווי אויסגעשמועסט אינעם ארטיקל.

א מאדעל וואס ארבעט מיט open AI [אדער מיט אן אנדערע קאמפאני אזויווי open AI], דאס מיינט דאך אז באמת האט ער אין זיך די גאנצע אינטערנעט אפן, איז צעטיילט אין צוויי:

אויב איז עס א מאדעל ווי טשע"ט GPT, וואס ענטפערט דירעקט פונעם גאנצן אפענעם אינטערנעט, איז עס אסור ביז עס קומט ארויס אן אפיציעלע פילטער געאייגנט פארדעם.

אויב איז עס א מאדעל וואס איז געמאכט צו טון א געוויסע אויסגעהאלטענע תפקיד, ווי למשל גרעמערל״י, אדער שרייבן קאוד פאר פראגראמען, סייבער סעקיורעטי, און עס האט נישט קיין שום קעפעבילעטי צו ברענגען נישט-געפילטערטע רעזולטאטן, איז עס מותר.

אויב דער תפקיד פון די מאדעל וואס טוט אן איינצלנע תפקיד איז אויך א נישט אויסגעהאלטענע זאך, איז עס אוודאי אסור.

אויב דער מאדעל איז געמאכט פאר 'איין' תפקיד, אבער עס האט א קעפעבילעטי ארויסצוגעבן נישט אויסגעהאלטענע רעזולטאטן, למשל א מאדעל וואס איז געמאכט צו שרייבן פאומס, אדער שרייבן בריוון, שרייבן ארטיקלען, איז דאך פשט אז ער נעמט זיין אינפארמאציע פון די אפענע אינטערנעט, און מען קען אים בעטן צו שרייבן א נישט אויסגעהאלטענע ארטיקל, אויף יעדע סארט נושא, דאס איז אסור.

פארשטייט זיך אז אפי' נאך עס וועט ארויסקומען א פילטער, איז דאס נאכאלס מותר נאר לצורך פרנסה, און אפי' פאר פרנסה איז עס אסור צו ניצן אויפן פאון, סיי דורך טעקסט און סיי דורך רופן, ווייל אינטערנעט בלייבט אינטערנעט, און ווילאנג עס ליגט נישט דארט 'נאר כשר'ע אינפארמאציע' איז נישט מעגליך דאס צו כשר'ן, און אויב ניצט מען דעם כשר'ן פאון צו שמועסן מיטן אינטערנעט, פארוואנדלט איר אייער פאון בשעת מעשה פאר א פראסטן סמארט-פאון...

**זאל השי"ת העלפן אז בזכות פון האלטן די גדרי הטעכנאלאגיע מיט א שטארקייט און נישט לאזן דעם שטן אריינקומען בתוך מחנינו זאלן מיר שוין בקרוב זוכה זיין צו די קץ הגאולה, און מקבל זיין די תורה מיט אלע השפעות טובות, קענען ערציען אונזערע קינדער מיט שמירה עליונה, און אקעגנגיין משיח צדקינו מיט אלע צדיקי ומאורי דורינו במהרה בימינו אמן.**

## נעטפרי נייעס

### נעטפרי טרעיניג

אין די טעג ווערט אויפגענומען די גוטע נייעס איבער א נעטפרי טרעינינג וואס איז געמאכט געווארן צווישן די ווענט פון 'לטהר', וואס וועט אסאך פארגרינגערן די באנוצער. די טרעינינג ערהאלט, סיי איבער אינסטאלירן נעטפרי, אלע אפשענס פון אנשטעלן דעם פילטער, וויאזוי מען גיבט זיך אן עצה ווען עס מאכט זיך א פראבלעם, מיט נאך פארשידענע מעלות.

די טרעיניג איז שוין למעשה ארויסגעקומען. שיקט אריין אן אימעיל צו 'לטהר' צו ריקוועסטן דעם טרעינינג, און מיר וועלן עס אייך שיקן letaher@koshermail.net .

ממש אין די טעג האט נעטפרי האט ארויסגעלייגט זייער נייע ווערסיע מיט פיל נייע פארבעסערונגען, מיר האבן איבערגעמאכט דעם טרעינינג לויטן נייעם ווערסיע, און אויב ווילט איר די נייע ווערסיע פונעם טרעינינג שיקט אן אימעיל צום אויבנדערמאנטן אדרעס.

### PNF ארגענעזאציע

ווי אויך האט איר אוודאי געזען אין די פאסט דעם הערליכן חיבור פון א נייע ארגאניזאציע וואס פאררופן זיך PNF פראו נעטפרי, וואס זיי לייגן פָּאר זייערע סערוויסעס צו פארגרינגערן דאס באניץ, און אויך גאר שיינע אינטערוויוס, מיט חשוב'ע בעלי בתים וואס באנוצן זיך מיט דעם, און גאר גוטע חיזוק עצות און טיפס.

### ספירה קאמפיין

יעדער האלט מיט ווי ב"ה צום צווייטן יאר, באווייזן די חשוב'ע סקווירא גראפיקער קונץ-ארבעט, יעדער מיט זיין סטייל, צו באאיינפלוסן דעם עולם, איבער די געוואלדיגע מעלות פון דעם נעטפרי באנוץ. און פונקט ווי פאריאר, איז דאס יאר נאכאמאל געווארן א גרויסע טומל אין לטהר אפיס, ווי יעדן טאג קומען אידן אריין ארויפצולייגן נעטפרי, אדער שאלות איבער דעם נושא.

## ספעציעלער אפפער:
# פילטערן פליפ-פאונס נאך אין די באקס

דער לטהר אפיס שטעלט ארויס א נייע דיסקאונט: ברענגט אייער נייע פליפ פאון צו כשר'ן נאך אין א פארמאכטע באקס און **באקומט א 20% הנחה!**

מען קען עס אריבערברענגען יעדע נאכט צום אפיס אדער אריינלייגן סיי ווען אין די לטהר דראפבאקס ביים טיר פונעם אפיס. סתם אזוי איז וויכטיג ווען מען קויפט א נייע סעלפאון עס צו כשר'ן ווי שנעלער אלס 'לא תשכן באהליך עולה' און צו פארמיידן מכשולות.

לטהר
דחסידי סקווירא